תל אביב, 2.5 .4.55

ליבער פריינד שרייער,

הגם איך האב שוין צוויי מאל איבערגעגעבן אין ראדיא די מעלדונג וועגן דער פארזאמלונג, וועלכע קומט היינט פאר, אבער היות איך בין ניט זיכער, אז איר האט עס געהערט, וויל איך אייך מודיע זיין ספעציעל, אז היינט מאנטיק דעם 2 טן מאי 8 אוונט קומט פאר אין אולם קרן היסוד, תל אביב, רחוב הירקון, 53א, א פארזאמלונג פון די געוועזענע עסקנים פון שארית הפליטה אין דער אמעריקא-נער זאנע אין דייטשלאנד. אויפן סדר היום דריי פראגן:

א. פארטראג פון דוד טרעגער וועגן די פיצויים.

ב. פאלקס-פארזאמלונג צום צענטן יארטאג פון דער באפרייאונג פון די לאגערן.

ג. א ספר וועגן דער שארית הפליטה.

איך בעט אייך זיך ניט אפזאגן און קומען. די זיצונג איז זייער א וויכטיקע.

להתראות!

בברכה לבבית

ראובן רובינשטיין

אכספרס
EXPRÈS

דחוף!







לכבוד הסופר

מר אפרים שרייער

הדר-יוסף

בית 177/7

(ע׳י תל-אביב)